# אָ, איר קליינע ליכטעלעך

אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשׂהלעך אָן אַ צאָל:
איר דערציילט פֿון בלוטיקייט,
בריהשאַפֿט און מוטיקייט
ווּנדער פֿון אַמאָל.

ווען איך זע אײַך שמינקלענדיק
קומט אַ חלום פֿינקלענדיק,
רעדט אַן אַלטער טרוים:
ייִד, דו האָסט געקריגט אַ מאָל,
ייִד, דו האָסט געזיגט אַ מאָל,
גאָט, דאָס גלויבט זיך קוים...

ס'איז בײַ דיר אַ טאָלק געווען,
ביסט אַ מאָל אַ פֿאָלק געווען,
האָסט אַ מאָל רעגירט,
האָסט אַ מאָל אַ לאַנד געהאַט,
האָסט אַ מאָל אַ האַנט געהאַט!
אַך! ווי טיף דאָס רירט!

אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
אײַערע געשיכטעלעך
וועקן אויף מײַן פּײַן:
טיף אין האַרץ באַוועגט עס זיך
און מיט טרערן פֿרעגט עס זיך:
וואָס וועט איצטער זײַן?

מ. ראָזענפֿעלד

## O, ir klejne lichtelech,

O, ir klejne lichtelech,
ir dertsejlt gesjichtelech,
maiselech on a tsol;
ir dertsejlt foen bloetikejt,
beriësjaft oen moetikejt,
woender foen amol.

Wen ich zé aich sjminklendik
koemt a cholem finklendik,
redt an alter troim:
Jid, doe host gekrigt a mol,
Jid, doe host gezigt a mol,
Got, dos gloibt zich koim…

S'iz bai dir a tolk gewen,
bist a mol a folk gewen,
host a mol regirt,
host a mol a land gehat,
host a mol a hant gehat!
Ach, wi tif dos rirt!

O, ir klejne lichtelech,
ajere gesjichtelech
wekn oif main pain;
tif in harts bawegt es zich
oen mit trern fregt es zich:
wos wet itster zain?